בעריהמטע יודישע טרופע אין ראדאם, קעלץ.

Radomer-Kielcer Leben" 34 (374) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem" VIII-ער יאהרגאנג פרייז 25 גראשען

# ראדאמער-קעלצער לעבען

היינט 8 זייטן.

Radom, dnia 28 Sierpnia 1931 r.

ראדאם, פרייטאג, ט״ו אלול תרצ״א

## בעריהמטע חזנים
## ש. קוסעוויצקי
און
## שווייצער
איז ראדאם.

(זעה זייט 7)

---

## נאר 1 גאסט - פארשטעלונג.

אין ראדאם — שבת דעם 29-טן ד. מ.

אין קעלץ — זונטאג דעם 30-טן ד.מ.

## דער בלינדער פאיאץ

מיט דער בעטייליגונג פון די בעריהמטע יודישע ארטיסטען:

**יוכבד זילבערג, זישע קאץ, שמחה ראזען, יצחק נאזשיק א. א.**

---

**ZAWIADOMIENIE.**

Z dniem **1-go września** 1931 r. znów będzie czynna

**FREBLÓWKA**

przy ul. **KOZIENIECKIEJ 14** (dom Bankiera).

Proszę Sz. Rodziców zgłaszać się. **Ceny przystępne.**

**B. ZAJDMANÓWNA**

---

Kierownictwo Szkoły niniejszem podaje do wiadomości, iż z dn. 25 sierpnia b. r, rozpoczynają się zapisy kandytatów do

**SZKOŁY DOKSZT. ZAWOD.**

GM. WYZN. ŻYD. w RADOMIU

i trwać będą do 1-go września.

Kancelarja Szkoły przyjmuje zapisy uczni codziennie od godz. 7-ej do 9-ej wiecz. w lokalu Szkoły Powsz. im. Joselewicza (ul. Tybla Nr. 1 dawniej Nowa.)

*KIEROWNICTWO.*

דערמיט ווערט בעקאנט געמאכט, דאס פון 25 סעפטעמבער ה. י. האבען זיך אנגעהויבען די **איינשרייבונגען פון קאנדידאטען**

אויף די **דערגענצונג'ס-פאך-קורסען**

ביי דער יודישער גמינע אין ראדאם.

די איינשרייבונגען וועלען געדויערן ביז'ן 1-טען סעפטעמבער ה. י. אין די שעה'ן פון 7—9 אווענד.

די קאנדידאטען דארפען זיך מעלדען אין לאקאל פון דער פאלקסשולע א. נ. יאסעלעוויטש טיבלע גאס 1. (פריהער נאווא)

**די לייטונג פון די פאך-קורסען**

**ביי דער יודישער קהלה אין ראדאם**

---

**ZAWIADOMIENIE.**

Z dniem **1 września** b. r. rozpoczną się zajęcia w koncesjowanem przez Radę Szkolną

**PRZEDSZKOLU**

**E. FINKLERÓWNY**

przy ul. Rwańskiej 13, I p.

Zapisy odbywają się codzienie od godz. 4 — 7-ej p. p.

**Ceny przystępne.**

---

דעם אויפריכטיגסטען און טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס

דעם ה׳ **בעריל גארפינקעל** מיטגליד פון קהלה - פערוואלטונג

צוליב דער אבידה, האט ער האט געליטען דורכ'ן טוידט פון זיין

פאטער **שלמה אלעזר ז״ל**

המקום ינחם אותו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

**קהלה-פערוואלטונג**

אין ראדאם.

---

אונזער טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס

דעם ה׳ **משה ראזענבוים** מיטגליד פון קהלה-ראט

צוליב'ן טוידט פון זיין מוטער

**דבורה גיטעל נ. ע.**

המקום ינחם אותו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

**קהלה-פערוואלטונג**

אין ראדאם.

---

דעם טיפסטען מיטגעפיהל און בעדויערונג דריקען מיר אויס

דעם ה׳ **בעריל גארפינקעל**

צוליב'ן טויט פון זיין פאטער **שלמה אלעזר נ.ע.**

זאל ער מעהר נישט וויסען פון קיין צער און א טרייסט זאל ער געפונען אין זיין געזעלשאפטליכער ארבייט.

**קאנצעלאריע-פערסאנאל**

פון דער יודישער קהלה אין ראדאם.

---

Członkowi naszego Stowarzyszenia

kol. **Adamowi Winawerowi**

z powodu zgonu

**b. p. OJCA Jego**

wyrazy najszczerszego współczucia składa

*Koło Akademików-Żydów*

**w Radomiu.**

אנ'אמת, צופרידען געווען מיט דעם נייעם מענש. אבער שפעטער אין א געוויסע צייט ארום איז עס מיר ערשט קלאר געווארען, פאר וואס מיין פרוי האט אזוי פערארבייט איך זאל איהם אננעמען אלס בוכהאלטער. וואסערשטיין האט זיך געספארעט און געטוהן אלץ ער זאל מיר אימפאנירען. ער איז געווען פלינק און האט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין גוטער אריענטאציע אויף אזוי פיעל, אז איך האב איהם גלייכצייטיג בעשטימט אלס קאסירער, און ווייזט אויס, אז צו דעם האט ער טאקע געציעלט. איך האב איהם געגלויבט און פערטרויט די גרעסטע סודות וואס האבען געהאט א שייכות מיט מיינע געשעפטס-אנגעלעגענהייטען. וואסערשטיין מיט זיין פרוי קלארא זענען געווארען אפטע געסט אין מיין הויז און מ'איז געגאנגען צוזאמען אויף אלע פערוויילונגען, טעאטערס און קאנצערטען.

אבער ווייסט עס דער טייוועל, וואס מיין פרוי האט מיר נאכהער אבגעארבייט אונטער מיינע פלייצעס.

איך האב זיך אין א צייט ארום ארומגעזעהן, אז עפעס זענען מיינע געשעפטען נישט אין בעסטען ארדנונג. דער פדיון איז גרויס. קונים זענען דא א סך, מען לייזט גענוג געלד. אבער עפעס שטימט דאך נישט די קאסע. וואו איז דאס געלד די שענק ווערען לעדיגער, קיין אנדערע סחורות קומט נישט צו און די קאסע ווערט מאגערער. אמת ס'איז קיין האסע שוין דאן נישט געווען. די וואליוטע האט זיך אנגעהויבען סטאביליזירען, אבער איך האב דאך געהאט א גרויסען לאגער מיט סחורה, וואו איז ער אהינגעקומען? איך האב נישט פערשטאנען וואס דא קומט פאר. ארויס מיט אמאהל מיט א חשד געגען וואסערשטיין, האב איך קיין מוטה נישט געהאט. אויסער דעם האב איך נאך נישט געהאט קיין בעווייזען געגען איהם. האב איך געשוויגען און שטילערהייד גענומען אליין קאנטראלירען ביינאכט, ווען ס'איז קיינער נישט געווען, די בוכהאלטעריע-ביכער, אבער אויך דארט האב נישט געקאנט רערגעהן גארנישט. איך בין געווארען זעהר אומרוהיג און ארומגעגאנגען אהן קאפ. מיינע איבריגע אנגעשטעלטע האבען דאס געמערקט אין זיי האבען מיר געהאלפען אויסגעפונען דאס רעטעניש. אייגמאהל, ס'איז געווען אין אווענד. אין געשעפט איז קיינער נישט געווען איז פלוצלינג אריינגעקומען דער ה' רובינשטיין, דער פריהערדיגער בוכהאלטער און מיר איבערגעגעבען א סוד, פון וועלכען איך בין ערשטוינט געבליבען.

(פארטזעצונג קומט).

# סוחרים-פעראיין רופט צו שטיצען דעם קאמיטעט פאר ארבייטסלאזע.

דער סוחרים-פעראיין בעט אונז צו פערעפענטליכען פאלגענדען אויפרוף:

אין אונזער שטאדט איז מיט א פאר וואכען צוריק געגרינדעט געווארען א הילפס-קאמיטעט פאר ארבייטסלאזע.

דער קאמיטעט האט זיך צו אינז געווענדעט מיר זאלען איהם אין דער וויכטיגער אקציע אונטערשטיצען.

נעהמענדיג אין בעטראכט דעם קאטאסטראפאלען קריזיס, וועלכען דאס לאנד לעבט איבער, ווי אויך די שווערע לאגע פון די ארבייטסלאזע, ווענדען מיר זיך צו אלע אונזערע מיטגלידער מיט דעם הייסען אפעל צו אונטערשטיצען די אקציע לויט אייער מעגליכקייט מיט געלד, אדער נאטורעלע גאבען.

עס וועלען אייך צאהלרייך בעזוכען בעפולמעכטיגטע פון דעם דערמאנטען קאמיטעט.

מיר בעטען אייך, ווייזט ארויס דעם דעלעגירטען אייער פערשטענדניס אין דעם וויכטיגען ציעל און דעקלארירט אייך לויט אייער יכולת.

יעדער יודישער סוחר מוז געדענקען אז עס ליגט אויף איהם א חוב בייהילפיג צו זיין דעם הונגעריגען, ער זאל נישט אויסגעהן פאר הונגער.

מיר זענען זיכער, אז דאס סוחר'טום וועט זיך נישט שטעלען אין א זייט אין דעם שווערען מאמענט און, אז אלע וועלען בייהילפיג זיין דער ערהאבענער אויפגאבע.

מיט דרך ארץ

סוחרים-פעראיין

אין ראדאם.

# נישט קיין בריליאנטען נאר גאלדענע פינגערלעך מיט א זייגערל.

מיט צוויי וואכען צוריק האבען מיר אין אונזער צייטונג (נומ. 372) מיטגעטיילט וועגען א גנבה, וואס איז אויסגעפיהרט געווארען ביים ה' ז. שפיזמאן, רווינסקא 9. היות מיר האבען דאן געשריבען, אז די גנבה איז בעשטאנען פון עטליכע בריליאנטען, בעט אונז דער ה' שפיזמאן צוגעבען פאלגענדע אויסבעסערונג:

ס'איז צו איהם אריינגעקומען א יונגערמאן שעהן געקליידעט קויפען א פינגערל, נישט קיין בריליאנטענס, האט ער געבעטען צו ערלויבען איהם אונטערווארטען אין געוועלב, מיט'ן אויסרייד, וואס זיין פרוי דארף באלד אריינקומען. דורך דער צייט פון זיין ווארטען איז דעם יונגערמאן געלונגען ארויסצובעקומען א פישקעלע פון שפילעדעל פון ווארשטאט מיט 6 פינגערלעך גאלדענע, א ביסעל קאלירטע פראסטע שטיינער און א זייגערל.

ה' שפיזמאן האט דאס מאמענטאל בעמערקט, אבער ווען ער איז ארויס נאכלויפען איהם איז דער גנב שוין געהאט נעלם געווארען.

די גנבה בעטרעפט ביז 200 זלאטעס.

# „קינדער פאר קינדער“.

א דאנק דער איניציאטיוו פון די פרויען: פישמאן, האך, שיינפעלד און וויינגארט איז אין גארבאטקע פארגעקומען א גרויסע קינדער-פערוויילונג, וועלכע האט צוגעצויגען א גרויסען עולם צושויער. עס זענען אויסגעפיהרט געווארען א רייהע כאראקטעריסטישע טענץ, לידער דעקלאמאציעס א. א. פון די קינדער האבען זיך אויסגעצייכענט די שוועסטערן צוקער, האך, פעלבוים, פרייד און גאלדקארן. די הכנסה, וועלכע בעטרעפט 83 זלאטעס איז איבערגעגעבען געווארען דעם ראדאמער „בית-יתומים“. וועלכע געפינט זיך אין א שלעכטער מאטעריעלער לאגע. דער טהאט פון די קינדער, וועלכע זייענדיג אויף אברוה האבען אויך געזארגט פאר די יונגע יתומים, דארף נאכגעטהון ווערען.

# ווי לאנג וועלען זיך ארומוואלגערען די צוויי ארימע מיידלעך אויפ'ן בית-עולם?

ס'איז שוין א היבשע פאר מאנאטען ווי מיר האבען געשריבען וועגען א אונערהערטע געשיכטע פון צוויי ארימע מיידלעך, שוועסטערען, וועלכע האבען אין דער גאנצער שטאדט נישט געפונען קיין מקום מנוחה, סיידען אויפ'ן בית-עלמין.

ווער די דאזיגע עלענדע יתומות זענען, ווייסט שוין די גאנצע שטאדט גאנץ גוט. דאס זענען די טעכטער פון פערשטארבענעם דאזאר ר' אברהמ'לע פלאצקי ז"ל. די דאזיגע מיידלעך זענען נאכ'ן טויט פון זייער פאטער געבליבען אהן א דאך איבער'ן קאפ און אהן וועלכע ס'איז מיטלען צום לעבען.

מיר האבען זיינער צייט אויפגערודערט די גאנצע יודישע בעפעלקערונג מיט דעם אויסטערלישען פאל. די ראדאמער יודען האבען מיט אונז מספים געווען, אז דאס איז א גרויסע עוולה, באמת א חרפה פאר דער שטאדט, אבער קיינער האט זיך ערנסט נישט פעראינטערעסירט מיט'ן ווייטען גורל פון די דאזיגע אומגליקליכע שוועסטערן. ביז'ן היינטיגען טאג בלאנקען זיי ווייטער ארום אויפ'ן בית-עלמין און נעכטיגען אין גאלען דרויסען.

די טעג איז איינע פון די צוויי שוועסטערן קראנק געווארען און זי האט נישט געהאט וואו צו ליגען, נאר אין קאלטען קארידאר פון הויז. וואו

די קברות-לייט וואוינען. ווען דער ה' איטשע פישמאן פון רוויינסקא האט אראבגעבראכט אהין דעם דאקטאר פיאנטאווסקי, האט דער לעצטער ממש אויפגעציטערט פון דעם שרעקליכען בילד, וואס האט זיך באוויזען פאר זיינע אויגען. דער דאקטאר, א קריסט, האט איינפאך געשטוינט און נישט פערשטאנען, אז אזא זאך זאל נישט אינטערעסירען די יודישע באפעלקערונג.

ס'איז טאקע נישט צו פערשטעהן, אבער ס'איז א טרויעריגער פאקט, אז ס'איז אזוי.

אפשר וועט זיך פארט עמיצער געפונען, וואס זאל זיך מרחם זיין איבער די דאזיגע צוויי עלענדע מיידלאך?

◎◎◎◎

# קאמוניסטישער פראצעס

## איז ראדאמער קרייז-געריכט.

### אויף דער בעשולדיגונג'ס-באנק זיצען א ברודער מיט א שוועסטער.

אין היגען קרייז-געריכט איז די טעג בעטראכט געווארען א פראצעס געגען אברהם א קאמאשענמאכער און רחל ניימאן, א שניידערין א ברודער מיט א שוועסטער. ביידע זענען בעשולדיגט געווארען אלס אנגעהעריגע צו דער קאמוניסטישער פארטיי.

בעת דער רעוויזיע האט מען ביי אברהם ניימאן געפונען ביבולע אויף דער טהעמע „דער בעשלוס פון צווייטען פלענום ק. צ. ק. פ. פ.״ לויט'ן בעשולדיגונג'ס-אקט האט ער איינקאסירט דעם אפצאהל אויף מ. א. פ. ר. וואס מ'האט איהם קאנפיסקירט אין א סומע פון 100 זל.

ביי רחל נייצאן האט מען געפונען א אגיטאציע-בראשור געדריקט אין מינסק א חוץ דעם איז זי בעשולדיגט געווארען אין פערשפרייטען קאמוניסטישע ליטעראטור אויפ'ן פלאץ יאגיעלאנסקי.

דאס געריכט האט פערמשפט אברהם נייצאן אויף 4 יאהר שווערע תפיסה און רחל נייצאן אויף צוויי יאהר תפיסה.

■ ■ ■

# ענטדעקט א פאבריקל פון פאלשע 20-ער זלאטעס.

אין ראדאם האבען זיך לעצטענס בעוויזען אין פערקעהר פאלשע 20-ער זלאטעס, פאפיער-געלד.

די אבסערוואציע פון דער פאליציי האט געפיהרט אין דער ריכטונג פון א געוויסע מאריא בודזינסקא, אויף וועמען ס'איז געפאלען א חשד, אז זי איז דאס די פערשפרייטערין פון די פאלשע באנקנאטען. נאכ'ן בעשטעטיגען דעם דאזיגען פאקט איז די פאליציי געקומען אויף די ווייטערדיגע שפורען און פעסטגעשטעלט, אז דער „פאברי-קאנט״ איז די בודזשינסקא'ס א געליבטער יוזעף גורגי ספזשעלעצקא 15.

א געוויסע צייט האט די פאליציי צוגעהיטען דעם דאזיגען חברה-מאן, וועלכער איהם פאקען ביי דער רעכטער מלאכה. זי האט אזוי לאנג געציעלט ביז דער פויגעל איז געגאנגען געווארען אין דער קליאטקע אריין.

היינטיגע וואך איז די פאליציי ענדליך אריין אין דער וואהנונג פון גורגי און נאכ'ן דורכפיהרען א רעוויזיע ארעסטירט איהם אליין, גורגי בכבודו ובעצמו, זיין מוטער און די קאכאנקע זיינע — בודזשינסקא.

ס'האט זיך ארויסגעשטעלט, אז גורגי וועלכער איז א צייכנער האט זיך אליין געמאכט אזעלכע קלישעס הילצערנע, און נאך אזעלכע מכשירים, א דאנק וועלכע ער האט אויסגעארבייט די פאלסיפיקאטען.

ביי דער אויספארשונג האט זיך גורגי מודה געווען אין פאבריצירען 20-ער זלאטעס, אנווייזענדיג דערביי אויף זיין מוטער און קאכאנקע, וועלכע האבען דאס געפעלשטע געלד געלאזט דערנאך אין פערקעהר.

וויפיעל אזעלכע פאלשע 20-ער זלאטעס גורגי האט ארויסגעלאזט פון זיין „פאבריק״ איז פארלויפיג נאך נישט גענוי פעסטגעשטעלט געווארען. לויט דעם משך צייט וואס די פאלשע 20-ער זלאטעס האבען ארומקורסירט איז משער צו זיין, אז זייער צאהל איז א בעדייטענדע.


# GAZOWNIA
## MIEJSKA

פערקויפט צו צוגענגליכע פרייזען
קעכלעך גאזאווע איינס און צוויי פלאמיגע
קעכלעך פאמילינע און האטעלאווע
אייוועלעך צום באדען
אייוועלעך צום בראטען
אייזענס צום פרעסען פאר פריוואט און פאר שניידער
הייצערס צו פריזירער רעדלעך
„טערמא״ אטאמאטישע אויף צו דערוואַרמען וואסער פאר דאקטוירים, דענטיסטען, פריזירערס און עהנליכע פראפעסיעס.
אלערליי גאז-אפאראטען ווערען פערקויפט
——— אויף צוגענגליכע בעדינגונגען. ———
די גאזאווניע פיהרט אויס שטופ-אינסטאלאציעס
אויף אויסצוצאהלען אין 12 ראטעס.
די גאז-אפאראטען קען מען בעקוקען אין די סקלאדעס פון די גאזאווניע אויף פלאדושאנאו פון 10 ביז 2 נ. מ.
אלע אינפארמאציעס ערטיילט די ביורא פון די גאזאווניע טעל. 134



— די — שענסטע
טאפעטען
צו זעהר ביליגע פרייזען קען מען נור בעקומען
אין דער לאנג-יעהריגער פירמע
ש. שטיינמאן
ראדאם, לובלינער 21.



Dyrekcja gimnazjum

TOW. „PRZYJACIÓŁ WIEDZY"

w RADOMIU.

podaje do wiadomości, że egzaminy wstępne odbędą się dn. 2 i 3 września rb.

Zgłoszenia przyjmuje kancelarja gimnazjum (Kilińskiego 13) codziennie od godz. 11 do 14.

*DYREKCJA.*





# HENRYKA RAKOCZ

LEKARZ-DENTYSTA

Powróciła

ul. PIŁSUDSKIEGO 13.


## פון „עזרה“

דינסטאג אוונט זענען די קראנקע אָבגעפאחרען אויף קוראציע קיין בוסק אין דריי ספעציעלע אויטאבוסען. פאר די קראנקע זענען געוואָרען צוגעגרייט זעהר שיינע דירות אין איינער פון די שענסטע ווילעס.

מיט די קראַנקע איז מיטגעפאהרען דער פרעזעס ה' אדלער, ווי אויך דער ביורא-אנגעשטעלטער פישמאן, וועלכער פערבלייבט דארטען איבער דער גאנצער קוראציע-צייט.

## פון דער יודישע גימנאַזיע.

די יודישע גימנאַזיע „פשיאַפשול וויעדזי“ האָט איבערגעטראגען איהרע קלענערע קלאסען פון מאריאצקע גאס אויף קילינסקי. אויף אַזאַ אופן וועט די גימנאַזיע פון היינטיגען נייעם שול-יאָהר זיך געפונען אין איין לאָקאַל.

די למודים אין גימנאַזיע הויבען זיך אן נאָך די פעריען דעם 1-טען וועשיען פין 10 טען וועשיען וועלען מעהר קיין מעלדונגען פין נייע קאַנדידאַטען נישט אָנגענומען ווערען.





דערמיט דריקען מיר אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיהל

דעם ח' מ. שפילפויגעל פערוו. מיטגליד פון שניידער-צעך

צוליב'ן טויט פון זיין ליבען פאַטער

# הערשעל ז"ל

סטאַרשע פון שניידער-צעך.

די פערוו. פון שניידער-צעך אין ראַדאָם.



Biuro Próśb, Odwołań i Windykacji „REKORD“

RADOM, ul. Rwańska Nr. 21.

**Redaguje:** podania i odwołania do sądów, do władz skarbowych i wogóle do wszystkich instytucyj rządowych i samorządowych; **wyndykuje:** należności wekslowe i otwarte zarówno miejscowe, jak i zamiejscowe; **zakłada:** buchalterję i sporządza bilanse; **załatwia:** korespondencję handlową w języku polskim i w obcych językach; **przepisuje:** na maszynach wszelkie dokumenty.

Wszystkie te czynności wykonywane zostają szybko i po cenach przystępnych.



# ZAWIADOMIENIE.

Niniejszem mam zaszczyt zawiadomić Sz. Rodziców iż z dniem 1-go Września 1931 r. otwieram

KOEDUKACYJNY

## ZAKŁAD FREBLOWSKI i PRZEDSZKOLE

**dla dzieci w odpowiadającym wieku.**

Doskonałe urządzenia techniczne, wzorowa opieka i rutynowane siły pedagogiczne będą dla Sz. Rodziców dostateczną rękojmią sumiennego wykonywania powierzonych mi zadań wychowawczych. Obok języka polskiego, jako wykładowego, będzie również w odpowiadającej mierze wykładany język hebrajski (w czytaniu, śpiewie i piśmie)

Informacyj udziela się w Kancelarji Zakładu, począwszy od dnia 26-go Sierpnia b. r. w godz. 11 — 2 przy ul. **Żeromskiego 12** (w podwórzu, ostatnia sień).

Z poważaniem

*R. LANDAU.*



# אכטונג עלטערן!

עס קומט יעצט א נייע שול-יאָר און דאַריבער שטעלט זיך מן הסתם ביי אייך די פראגע וואָס צו טון מיט אייער זון, בכדי ער זאָל אויסוואקסן אויף א קולטורעלן בירגער און באַוווסטזיניגען יוד. וואָס טוט מען? וווּ שיקט מען איםז געפינט זיך אַ ל ז אַ, א ז

**די „שול-קולט“ שולע** מיט רעגירונגס-רעכט איז די איינציקע נאציאָנאַל-וועלטליכע יוד. שולע אין ראַדאָם.

**די „שול-קולט“ שולע** קומט נישט יעצט מיט נייע הבטחות, ווי אנדערע. נאָר קומט שוין מיט מעשים! ס'איז אַדורך א יאָר פון ארבעט, וועלכע האָט גלענצענדע רעזולטאטן געבראכט. די לעצטע קלאסיפיקאציע-עקזאמענס האָבן אימפּאָזאנט באוויזן איהר הויכע פעדאַגאָגישע מדרגה פון דער לערע און ערציונג.

**די „שול-קולט“ שולע** נעמט זייער ערנסט און געוויסענהאפט אירע דערציונגס-אויפגאבן, באמיענדיג זיך, אז דער יידישער פאָטער זאָל אין די היינטיקע שווערע צייטן כאָטש האָבן דעם פערגעניגן פון דער גייסטיקער ענטוויקלונג פון זיין קינד.

**די „שול-קולט“ שולע** גיט אירע שילער א נאציאָנאַל-וועלטליכע דערציונג אין פולסטן און ברייטסטן זין פון וואָרט. צוזאמען מיט די אלגעמיינע למודים וואָס זייער פראָגראם אנטשפרעכט 4 קלאסן גימנאזיע ווערן אין דער ברייטסטער מאָס געלערנט די יודאאיסטישע למודים, ווי העברעאיש, יידיש, תנ"ך, תלמוד, יוד. געשיכטע א.א.

**עלטערן!** אויב ס'איז אייך טייער דער גורל פון אייערע קינדער שרייבט זיי איין מיטן פולסטן צוטרוי אין דער „שול-קולט“ שולע.

מיט אכטונג

עלטערן-קאמיטעט

ביי דער „שול-קולט שול“

בעמערקונג: איינשרייבונגען פון געוועזענע און נייע שילער קומען פאָר פון 26-טן שערפיען אין דער שול-קאנצעלאַריע (וויטאָלדא 7) פון 11 ביז 1 נ. מ.



# 40% ביליגער!

די נייעסטע פאסאָנען — **מעבעל** פון פאָלגענדע מאטעריאַלען:

ווענגערסקע יעשאָן, זלאָטאָ בושאָזע, פיראמידען, זשעברא, מאָכאן און יעשאָן.

——— אויף גוטע בעדינגונגען. ———

דאָס אלעס ווערט אויסגעפערטיגט ביי דער **פירמע קליין, זשעראָמסקי 26**



Biuro próśb, windykacji i buchalterji

# „EXPRESS“

RADOM, ul. ŻEROMSKIEGO 9 (Jacka Malczewskiego 6)

**za dostępną opłatę**

**Redaguje** prośby, podania, odwołania, umowy it.p.

**załatwia** korespondencję handlową i prywatną.

**przepisuje** na maszynach i tłumaczy wszystkie języki.

**windykuje** należności miejscowe i zamiejscowe

**informuje** o zdolności kredytowej.

**i załatwia wogóle wszytkie czynności w zakres biurowości wchodzące**

Tanio! Szybko! Solinie!


Redaktor CH. M. HERC

Drukarnia Wyd. „Radomer - Kielcer Leben“, Radom, Szwarlikowska 20.